ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
(NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH)
אפטיילונג פון לאנג-טערמיניגע באהאנדלונג

☐ NHTD ☐ TBI

# אפליקאציע פאר אנטיילנעמונג, ערשטע אינטערוויו און אנערקענונג

## היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס מעדיקעיד וועיווער

נורסינג היים טראנזישאן און דייווערשאן (Nursing Home Transition and Diversion, NHTD)
און טראומאטישע מח שאדן (Traumatic Brain Injury, TBI)

אפליקאנט נאמען ______ CIN ______ געבורט דאטום ______

יעצטיגע וואוינארט ______

טעלעפאן ______ דאטום פון אינטערוויו ______ ☐ נישט איינגעשריבן אין מעדיקעיד (Medicaid) ☐ מעדיקעיד אפליקאציע איז נאכנישט באשטעטיגט

איך בעט אנטיילצונעמען אין א היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס מעדיקעיד וועיווער.
איך פארשטיי אז בארעכטיגונג צו אנטיילנעמען אין די וועיווער איז באזירט אויף דאקומענטאציע פון די פאלגנדע:

- נורסינג היים שטאפל פון קעיר
- בארעכטיגונג און באפולמעכטיגונג פאר מעדיקעיד דעקונג פון קאמיוניטי באזירטע לאנג טערמיניגע קעיר סערוויסעס
- קענען וואוינען אין די קאמיוניטי מיט די געפאדערטע הילף פון אוועילעבל נישט-פארמאלע הילף; אדער נישט מעדיקעיד הילף; אדער מעדיקעיד סטעיט פלאן סערוויסעס; און כאטש איין וועיווער סערוויס(עס)
- יארגאנג פון כאטש אכצן (18) יאר ביי די צייט פון באשטעטיגונג פאר די וועיווער

**די פאלגנדע איז געגעבן געווארן פאר מיר און\אדער מיין לעגאלע גארדיען:**

1. די פילאזאפיע און ציל פון די היים און קאמיוניטי באזירטע מעדיקעיד סערוויסעס (Home and Community Based Medicaid Services, HCBS) צוגעשטעלט דורך די נורסינג היים טראנזישאן און דייווערזשאן וועיווער און טראומאטישע מח שאדן וועיווער.
2. אינפארמאציע וועגן HCBS וועיווערס און אנדערע מעדיקעיד סערוויסעס צו ארויסהעלפן מענטשן אין די קאמיוניטי און מיין רעכט צו אויסוועלן אויב איך וויל זיך יעצט איינגעבן אדער נישט.
3. די שריט וועלכע זענען נויטיג כדי צו ערפולן די אפליקאציע פראצעדור ארייגערעכנט די ראלעס און פאראנטווארטליכקייטן פון די אנטיילנעמער, די לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג ספעציאליסט, סערוויס קאארדינעיטער און סערוויס פראוויידערס.
4. דער פראצעדור פון אינטערוויו'ען און אויסוועלן די באשטעטיגטע סערוויס קאארדינאציע אגענטור און פראוויידער אגענטורן וואס איך וויל.
5. דער פראצעדור פון טוישן וועיווער סערוויס פראוויידערס סיי ווען איינמאל איך בין בארעכטיגט אלס אן אנטיילנעמער אין דעם וועיווער.
6. דער פראצעדור פאר די אנטוויקלונג און איינפירונג פון די סערוויס פלאן, די פארראכטענע סערוויס פלאן און נאכפאלגנדע ביילאגעס, טויש פון פראוויידערס אדער איבערזיכטן, וועלכע וועלן מיר ארויסהעלפן אין די קאמיוניטי אויב איך בין בארעכטיגט אלס אן אנטיילנעמער.
7. דער פראצעדור פון באקומען מעלדונגען פון באשלוס בויגנס ארייגערעכנט בעטן א נישט-פארמאלער זיצונג און\אדער א יושר'דיגע הירינג.

אפליקאנט אונטערשריפט ______ דאטום ______

לעגאלע גארדיען נאמען (ווען שייך) ______ אונטערשריפט ______ דאטום ______

באפולמעכטיגטע פארשטייער נאמען (ווען שייך) ______ אונטערשריפט ______ דאטום ______

לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג ספעציאליסט נאמען ______ אונטערשריפט ______ דאטום ______

## טייערע נורסינג היים טראנזישאן און דיווערזשאן (NHTD) וועיווער אפליקאנט\אנטיילנעמער,

די פאלגנדע אינפארמאציע ווערט צוגעשטעלט כדי אייך צו זאגן וועגן די NHTD וועיווער קלאגע פראצעדור. ביטע קוקט איבער די אינפארמאציע מיט אייער סערוויס קאארדינעיטאר.

**ווען צו מאכן א קלאגע:**

- אויב איר האט סיי וועלכע קלאגע וועגן א ספעציפישע סערוויס פראוויידער
- אויב איר האט סיי וועלכע קלאגע וועגן א וועיווער סערוויס וואס איר באקומט יא אדער נישט
- אויב איר האט סיי וועלכע קלאגע וועגן א וועיווער סערוויס שטאב מיטגליד
- אויב איר האט סיי וועלכע קלאגע וועגן אייער לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג סענטער (RRDC)
- אויב איר האט סיי וועלכע זארגן וועגן אייער פערזאן-סענטער'ד פלאן, פראוויידער אויסוואל און\אדער פרייהייט פון אויסוואל

**מיט וועמען זיך צו פארבינדן:**

- איר קענט אריינגעבן א **שריפטליכע**, **טעלעפאנישע**, **אדער פערזענליכע קלאגע** צו סיי וועלכע NHTD וועיווער פראגראם שטאב.

אויב איר ווילט אריינגעבן א קלאגע וועגן א **סערוויס פראוויידער, שטאב מיטגליד און\אדער אייער וועיווער סערוויסעס**:

- אידענטיפיצירט אייער RRDC פון די NHTD קלאגע פארבינדונג צעטל און רופט די נומער וואס איז צוגעשטעלט. די נומער זאל זיין פארשריבן ביי אייך אינדערהיים צוזאמען מיט אנדערע וויכטיגע קאנטאקט אינפארמאציע.
- אויב איר נויטיגט זיך אין אן אקאמאדאציע צוליב א הער-קראפט פארלוסט, ביטע רופט אייער RRDC נוצנדיג די פארשריבענע TTY נומער אונטער יעדע RRDC, אדער רופט די NYS TTY רילעי סערוויס אויף 711 אדער 1-800-662-1220, און אן אפערעיטער וועט אייך ארויסהעלפן זיך צו פארבינדן מיט די RRDC אדער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NYSDOH) NHTD וועיווער שטאב.
  - גענויסע ראיאנען פארמאגן ווידיאו רילעי און די נומערן זענען אויך פארשריבן אויפ'ן NHTD קלאגע פארבינדונג צעטל.
- די RRDC וועט איבערקוקן און\אדער אויספארשן אלע קלאגעס וואס מען האט באקומען.
- די NHTD קלאגע פארבינדונג צעטל פארמאגט אויך די פאסט אדרעס פון אלע RRDC'ס אין ניו יארק אויב איר ווערט אויס צו שיקן א געשריבענע קלאגע דורכ'ן פאסט. אידענטיפיצירט אייער RRDC פון די NHTD קלאגע פארבינדונג צעטל און אדרעסירט די בריוו צו די צוגעשטעלטע אדרעס.

אויב איר ווילט אריינגעבן א קלאגע וועגן די RRDC און\אדער אנדערע מעדיקעיד וועיווער סערוויסעס:

- איר קענט זיך פארבינדן מיט NYSDOH אויף **518-474-5271** צו באריכטן אייער פראבלעם צו NHTD וועיווער שטאב אדער דורך אימעיל אדער בריוו אויף:

NHTD אימעיל: **nhtdwaiver@health.ny.gov**

אדרעס:
**New York State Department of Health**
**Office of Health Insurance Programs**
**NHTD Waiver Program**
**Commerce Plaza Room 1620**
**Albany, NY 12210**

- אויב איר קענט נישט רופן די NYSDOH טעלעפאן ליניע וויבאלד עס איז א לאנג-דיסטענס טעלעפאן קאל, קענט איר רופן די RRDC אדער אייער סערוויס קאארדינעיטער און זיי וועלן זיך פארבינדן מיטן NYSDOH פאר אייך.

**געדענקט! איר קענט אלעמאל בעטן די הילף פון א סערוויס פראוויידער, ספעציפישע שטאב מיטגליד, סערוויס קאארדינעיטער, נישט-פארמאלע געהילף, אדער פאמיליע מיטגליד ווען איר גייט אריין א קלאגע.**

## וואס פאסירט נאכדעם?

- אייער קלאגע וועט איבערגעקוקט ווערן און\אדער אויסגעפארשט ווערן דורך די RRDC.
- נאכ'ן מאכן אייער קלאגע וועט מען זיך פארבינדן מיט אייך ביז 2 טעג אייך צו מעלדן אז די RRDC\NYSDOH האט באקומען אייער קלאגע און האט עס אנגעהויבן איבערצוקוקן.
- די RRDC וועט זיך פארבינדן מיט אייך צו אדורכרעדן די געפינסן און אויסגאנג פון די קלאגע. איר וועט באקומען א בריוו וואס באשטעטיגט די דאטום און פראבלעמען אדורגערעדט אין די געשפרעך.
- איינמאל די אויספארשונג אדער איבערזיכט איז געענדיגט, וועט מען אייך מעלדן דורך פאסט אז די אויספארשונג געפינסן זענען "באגרונדעט," "אומבאגרינדעט," אדער "נישט-זיכער." די בריוו וועט אייך מעלדן וועגן סיי וועלכע פארריכטונג שריט.
- אויב אייער קלאגע רעזולטירט אין טוישונגען אין אייער סערוויס פלאן, וועט אייער RRDC און סערוויס קאארדינעיטער פארזיכערן אז אייער וועיווער פראוויידערס פירן באצייטנס איין די טוישונגען.

## ספעציעלע אומשטענדן:

- אויב דער RRDC באשטימט אז אייער קלאגע איז אן ערנסטע באריכטבארע אינצידענט (SRI), וועט עס ווערן אויסגעפארשט אלס א SRI. די RRDC וועט באשטימען אן אויספארשונג אגענטור פאר די SRI (אזויווי אייער סערוויס קאארדינאציע אגענטור) ביז 48 שטונדן צו אויספארשן די אינצידענט. אן ערשטע באריכט וועט ערהאלטן ווערן דורך די RRDC ביז 7 טעג און זיי וועלן שיקן א בריוו אייך צו מעלדן אז אייער קלאגע, וואס איז געווארן SRI, ווערט אויסגעפארשט אלס אן SRI.

## וויכטיגע אינפארמאציע צו נעמען אין אכט:

- מען דארף נישט ארייגעבן קיין גריוועוס אדער קלאגע און דאס איז נישט אנשטאט א זיצונג אדער יושר'דיגע הירינג.
- אויב איר געט אריין א קלאגע, וועט איר נישט שטעלן אין געפאר די סערוויסעס אין אייער יעצטיגע סערוויס פלאן; פונדעסטוועגן, וועלן טוישונגען מעגליך געמאכט ווערן אין אייער סערוויס פלאן צו פארזיכערן אז איר באקומט די פאסיגע סערוויסעס פאר אייער געברויכן.
- אלע קלאגעס ווערן באריכטעט צו NYSDOH און די איבערזיכטנגאויסגאנג (ען) ווערן נאכגעפאלגט.
- אלע אויספארשונגען ווערן געהאלטן אין געהיים און ווערן נישט ארויסגעגעבן. קאפיעס פון אויספארשונגען ווערן נישט געגעבן, אבער איר קענט פארלאנגען א קיצור פון די אויספארשונג פראצעדור און געפינסן.

## נורסינג היים טראנזישאן און דיווערזשאן פראגראם קלאגע פראצעדור

האט איר א קלאגע וועגן די נורסינג היים טראנזישאן און דיווערזשאן 1915(c) מעדיקעיד וועיווער פראגראם (Nursing Home Transition and Diversion 1915(c) Medicaid Waiver Program)?

עס זענען פאראן עטליכע וועגן ווי אזוי איר קענט פייל'ן א קלאגע אדער זוכן אינפארמאציע וועגן וועיווער סערוויסעס. די מעטאדן רעכענען אריין, אבער זענען נישט באגרעניצט צו: טעלעפאן קאלס, אימעיל, בריוו, אדער פנים צו פנים\פערזענליכע קאנטאקט. יעדע לאקאלע הילפסמיטלען אנטוויקלונג סענטער (RRDC) האלט אן א ספעציעלע טעלעפאן ליניע אנצונעמען פראגעס אדער קלאגעס פאר NHTD מעדיקעיד וועיווער אפליקאנטן\אנטיילנעמער. אריינצוגעבןא קלאגע אדער בעטן אינפארמאציע, רופט די ספעציפישע RRDC קלאגע נומער וואס שטייט אויפן פארבינדונג ליסטע אונטן. אויב איר נויטיגט זיך אין אן אקאמאדאציע צוליב א הער-קראפט פארלוסט, קענט איר נוצן די TTY נומערן אויסגערעכנט פאר יעדע ראיאן אדער רופט די ניו יארק סטעיט TTY רילעי סערוויס אויף 711 אדער 1-800-662-1220, און אן אפערעיטער וועט אייך ארויסהעלפן זיך צו פארבינדן מיט די RRDC אדער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NYSDOH).

אויב איר ווילט נישט מאכן קיין טעלעפאן קאל, קענט איר אויך אריינגעבן א שריפטליכע קלאגע דורך א בריוו אדער אימעיל צו סיי וועלכע שטאב מיטגליד פארבינדן מיט די NHTD וועיווער פראגראם.

איר קענט אלעמאל בעטן איינעם'ס הילף אזוויי אייער סערוויס קאארדינעיטער, סערוויס פראוויידער, נישט-פארמאלע שטיצע אדער פאמיליע מיטגליד ביים אריינגעבן א קלאגע. אייער זארגן וועלן פארבלייבן אין געהיים. פארבינדונג אינפארמאציע שטייט אויפן פארבינדונג צעטל.

אויב איר האט א קלאגע וועגן די RRDC אדער א מעדיקעיד סערוויס, קענט איר זיך דירעקט פארבינדן גראד מיט די NYSDOH. NHTD וועיווער שטאב וועט אננעמען די קלאגע און אנהויבן א איבערזיכט אויף די ענין. פאר אזעלכע קלאגעס, ביטע רופט NYSDOH אויף 518-474-5271. אויב איר קענט נישט רופן די NYSDOH טעלעפאן ליניע וויבאלד עס איז א לאנג-דיסטענס טעלעפאן קאל, קענט איר רופן די RRDC אדער אייער סערוויס קאארדינעיטער און זיי בעטן אייך צו העלפן. זיי וועלן זיך פארבינדן מיטן NYSDOH פאר אייך.

שטאב וואס זענען פאראנטווארטליך פאר די קלאגע נאכפאלגונג וועלן זיך פארבינדן מיטן אנקלאגער ביז צוויי ביזנעס טעג צו באשטעטיגן אז זיי האבן באקומען די קלאגע און מעלדן אז דער ענין ווערט איבערגעקוקט. איינמאל מען דערגרייכט א שליכטונג, וועט די RRDC\NYSDOH טעלעפאנירן די אנקלאגער צו אדורכרעדן די אויסגאנג פון די אויספארשונג, אין איינקלאנג מיט די HIPAA געהיימעניס רעגולאציעס, און וועלן שיקן א בריוו באשטעטיגנדיג די דאטום פון די טעלעפאן קאל און געבן א קורצע סך הכל פון די געשפרעך.

איינמאל די אויספארשונג\איבערזיכט איז פארענדיגט, וועט מען מעלדן פארן אנקלאגער דורך פאסט אז די אויספארשונג געפינסן זענען "באגרונדעט", "אומבאגרונדעט", אדער "נישט זיכער." דער בריוו וועט אויך מעלדן פאר די אנקלאגער וועגן סיי וועלכע שריט וואס פאדערט זיך כדי צו פאררעכטן די פראבלעם. צוליב געהיימעניס פאדערונגען, ווערן נישט קיין קאפיעס פון אויספארשונגען ארויסגעגעבן, אבער די אנקלאגער קען בעטן א סך הכל פון די אויספארשונג פראצעדור און געפינסן.

אויב די ענין איז באשטימט דורך די RRDC אלס אן ערנסטע באריכטבארע אינצידענט (SRI), וועט די קלאגע ווידער-קלאסיפיצירט ווערן אלס א SRI. די RRDC וועט שיקן א בריוו צו די אנקלאגער מעלדנדיג וועגן די ווידער-קלאסיפיצירונג פון די קלאגע אלס א SRI. די פאדערונגען פאר SRI'ס וועלן ווערן איינגעפירט.

די RRDC וועט באשטימען די אויספארשונג צו די פאסיגסטע ארגאניזאציע אויסצופירן די אויספארשונג, אזוויי די סערוויס קאארדינאציע אגענטור אדער אנדערע סערוויס פראוויידער (ILST, CIC). די RRDC און NYSDOH קענען אויסוועלן צו שיקן די פאראנטווארטליכקייט פאר אן אויספארשונג צו סיי וועלכע ארגאניזאציע פארבינדן מיט די אפליקאנט\אנטיילנעמער אדער דורכפירן זייער אייגענע אויספארשונג.

NYSDOH און די RRDC זוכט צו אדרעסירן אלע אפליקאנט\אנטיילנעמער זארגן און פראבלעמען אויף א יושר'דיגע און צייטליכע אופן.

# NHTD קלאגע פארבינדונג נומערן

## Adirondack
518-744-9395 TTY: 518-792-0505

אימעיל: jenniferS@sailhelps.org

Clinton, Essex, Franklin, Fulton, Hamilton, Montgomery, Saratoga, Warren און Washington Counties

**Southern Adirondack Independent Living (SAIL)**
71 Glenwood Avenue
Queensbury, NY 12804

## Binghamton
607-724-2111 TTY: 607-724-2111 TTY: 711

אימעיל: laurao@stic-cil.org

Allegany, Broome, Cayuga, Chemung, Chenango, Cortland, Delaware, Otsego, Steuben, Schuyler, Tioga און Tompkins Counties

**Southern Tier Independence Center (STIC)ss**
135 East Frederick St.
Binghamton, NY 13904

## Buffalo
716-408-3112 TTY: 711

אימעיל: nhtdwaiver@headwayofwny.org

Cattaraugus, Chautauqua, Erie, Niagara, Orleans און Wyoming Counties

**Headway of Western New York, Inc.**
2635 Delaware Avenue Suite E
Buffalo, NY 14216

## קאפיטאל ראיאן
518-386-3570 TTY: 711

אימעיל: wendy.tracy@sphp.com

Albany, Columbia, Greene, Rensselaer, Schenectady and Schoharie Counties

**Sunnyview Rehabilitation Hospital**
1270 Belmont Avenue
Schenectady, NY 12308

## Long Island
631-846-3940 TTY: 711

אימעיל: balbano@siloinc.org

Nassau און Suffolk קאונטיס

**Self Initiated Living Options**
**(Suffolk Independent Living Organization: SILO)**
755 Waverly Avenue
Holtsville, New York 11742

## Lower Hudson Valley
914-589-6080 ווידיאו רילעי: 914-259-8036 TTY: 711

אימעיל: ktorrisi@wilc.org

Dutchess, Orange, Putnam, Rockland, Sullivan, Ulster און Westchester Counties

**Westchester Independent Living Center (WILC)**
10 County Center Road, 2nd fl.
White Plains, NY 10607

## New York City
718-816-3555 TTY: 711

אימעיל: mdattilo@wilc.org

Bronx, Kings (Brooklyn), New York (Manhattan), Queens און Staten Island

**Westchester Independent Living Center (WILC)**
10 County Center Road, 2nd fl.
White Plains, NY 10607

## Rochester
585-368-3835 TTY: 711

אימעיל: arlyne.euchi@rochesterregional.org

Genesee, Livingston, Monroe, Ontario, Seneca, Wayne און Yates Counties

**Rochester Regional Health Unity St. Mary's Campus**
89 Genesee Street
Rochester, NY 14611

## Syracuse
315-671-4650 TTY: 315-479-6363

אימעיל: bohara@ariseinc.org

Herkimer, Jefferson, Lewis, Madison, Oneida, Onondaga, Oswego און St. Lawrence Counties

**ARISE, Inc.**
635 James Street
Syracuse, NY 13203

## NYSDOH NHTD פראגראם
518-474-5271

אימעיל: nhtdwaiver@health.ny.gov

Herkimer, Jefferson, Lewis, Madison, Oneida, Onondaga, Oswego און St. Lawrence Counties

**New York State Department of Health**
Office of Health Insurance Programs
1 Commerce Plaza Room 1620
Albany, NY 12210